## די נאָדל און דער באַנוול

בײַ דער אַרבעט זיצט דאָס שנײַדערל רב זײַנוול,
ס'לויפט די נאָדל גיך, גיך, גיך,
נאָך איר שלעפּט זיך נאָך דער לאַנגער באַנוול,
און די נאָדל שטעכט און בייזערט זיך:
„זאָג מיר נאַר, דו שוואַרצער שלעפּער, לאַנגער עק,
וואָס זיך אָנגעטשעפּעט דו אין מיר? אַוועק!
אַלערליי פּאַראַן, אַפּנים, שלעק!
נאַ דיר, נו! וווהין איך גיי, ער נאָך — אַ שאָטן!"
זאָגט דער באַנוול: „נאָדל, האָסט אַן אוי'רל, הער!
וואָס בין איך? אַ פּעדעמל, ניט מער!
דו ביסט שטאָל און אײַזן, פון די שפּיצעכיקע דראָטן!
דו דער עיקר —
נאָר אין מ ײַ ן זכות האַלטן זיך די שטיקער!"

*

מיט דעם משל, ווילט איר וויסן, וואָס איך מיין?
כ'וועל דאָס אײַך ניט זאָגן, ניין!
זאָל דער באַנוול שלעפּן זיך אַליין!